# אין קעלער

יצחק באַשעוויס / וואַרשע

שמאָלע, פֿייכטע טרעפּ פֿירן אין קעלער אַריין. טאָג און נאַכט שטייט דאָ אַ חשכות, ס'שלאָגט אין פּנים אַריין אַ פֿוילוואַרעמער ריח פֿון מייז. דער נידעריקער, געוועלבטער סופיט פֿון שוואַרץ-געוואָרענע ציגל הויערט נידעריק מיט דער שווערקייט פֿון אַלע פֿיר שטאָקן, בלינד און אומברחמנותדיק, גרייט תּיכּף צו דערדריקן דעם, וואָס וועט אַריין אונטער אים. אָבער אינעווייניק וווינען מענטשן. אין לאַנגן, טיפֿן און שמאָלן קאָרידאָר רעכטס וווינען נישט קיין יידן. אין איין דירה וווינט אַן אַלטער, האַלב-געליימטער גויישער סטאָליאַר, טיפֿער וווינען צוויי געשטיפּלטע שיקסעס. איינע פֿון אַ יאָר עטלעכע דרייסיק, אַ הויכע, שטענדיק פּריציש אָנגעטון מיט אַ הוט איבער די חוצפּהדיקע אויגן. זי גייט שטענדיק איבער; קעלער גיך און מיט עזותדיקייט, ווי זי וואָלט כּסדר בייז געווען, וואָס זי וווינט אין אַזאַ לאָך, וואָרטשעט צו מיט קללות. ס'שמעקט פֿון איר שטענדיק מיט בראָנפֿן, מיט שלעכטן פּודער און נאָך מיט עפּעס טריפֿס, פֿון וועלכן ס'שלאָגט אַזש ביז חלשות דער יידישער נאָז. מיט איר צוזאַמען וווינט אירס אַ שוועסטער, אַ קליינע, אַ ברייטע, מיט גראָבע, רויטע פֿיס, ווי קלעצער. יענע איז אַלעמאָל באָרוויס, טראָגט אויפֿן קאָפּ אַ דאָרפֿיש טיכל און קריכט אַרום בלויז אין אַ האַלקע. זי האָדעוועט דער שוועסטערס אַ קינד, איז אַ גוטע און וואָלט גערן געכאַפּט אַ שמועס מיט די יידן פֿון דער לינקער זייט, נאָר זי האָט אַ פּנים מורא פֿאַר דער עלטערער שוועסטער, פֿאַר דער מרשעת... אין יענעם ווינקל אַריין קריכן דאָס אָפּט שכּורע גויים, צעקנייטשטע, אין טראַנטעס, מיט שטאַרק געקנייטשטע, געלע פּנימער, ווי נאָך יאָרן זיצן אין קרימינאַל. זונטיק און חגא הערט מען פֿון דאָרטן שפּילן אויף אַ האַרמאָנקע, טאַנצן. אַמאָל שרייט מען פֿון דאָרטן „געוואַלד". עמעצער שלאָגט די „מרשעת", און יענע וויינט, סקאָמליעט, ווי אַ געשלאָגענער הונט.

אין דער לינקער זייט זענען פֿאַראַן צוויי שטיבן. די פֿענצטער גייען אין גאַס אַרויס, נאָר זיי זענען אַזוי טיף, אַז איבער זיי ליגן אייזערנע שטוכייטן, אויף וועלכע מ'גייט דורך. אינדערהייך איז פֿאַראַן אַ זייף-האַנדל, און נישט איינמאָל שטייען דאָ אַ גאַנצן טאָג שורות פֿון האַלבע פֿיס... מ'קוקט זיך איין אין דער וויסטאַווע... אין איין שטוב וווינט שוין פֿון יאָרן לאַנג טעמע רחל מיט דער שווינדזוכטיקער טאָכטער. אין דער גרויסער שטוב וווינט לייבוש בער מיט זיין איינציקער, שיינער טאָכטער. כאָטש ס'איז פֿינצטערלעך און אין טריבע טעג ברענט דאָ אַ נאַפֿט-לעמפּל, איז די שטוב אויפֿגעראָמט, די פּאָדלאָגע איז געוואַשן. די ווענט זענען באַהאָנגען מיט אַלטע ראָנדלעס, איינגעוויקלט אין ראָזע פּאַפּיר. די בעטן, פֿון וועלכע איינס איז משונה גרויס, ברייט, און דערצו נישט געפֿאַרבט, זענען צוגעבעט מיט פּרעכטיקע פּלושענע קאָלדרעס, רויטע און געשטיקטע. אויף דעם דאָזיקן לוקסוס אין דער טונקעלער אָרעמקייט גאַפֿט מען זיך לאַנג, מ'קראַצט אין שפּיץ אויער און מ'חזרט איבער צום וויפֿלטן מאָל:

— פֿאַרע שיינע קאָלדרעס איר האָט דאָס, רוזשע... ווו האָט איר דאָס צוגעלקחנט אַזעלכע קאָלדרעס?..

ס'איז קיין ליגנט נישט. רוזשע האָט זיי טאַקע געלקחנט, ווען זי האָט אַמאָל געדינט אין שעדלעץ. אָבער היינט דינט זי מער נישט. אַ הויכע, אַ שמאָלע, אַ ווייסע, אין אַ קליין אַרויפֿגערוקט היטעלע, פֿון וועלכן ס'קוקן אַרויס אַ פֿלאַקס-דינע, גאָלדענע גזשיווע. די סאַמע ווילערישקייט פֿון אַ גרויס-שטעטיש מיידל קוקט דאָ אַרויס, און אויך פֿון אירע גרויסע, אָפֿענע, גנבהש-בלינצלענדיקע אויגן, וועלכע קוקן זיך איין אין יעדער מאַנספּערשוין מיט אָפֿענעם חשק. זי איז ערגעץ אָנגעשטעלט, ווי זי זאָגט, גייט אַרויס אינדערפֿרי, קומט צוריק אָפּט אַפֿילו אין מיטן דער נאַכט. דער סטרוזש לאָזט זי שוין אַריין. אָנגעטון איז זי שיין, שטענדיק זויבער. אויף אירע דינע, הויכע פֿיס טראָגט זי העלע, גלאַטע זאָקן. כאָטש ס'איז שוין איצט דריי אַזייגער ביינאַכט, ברענט נאָך דאָ דאָס לעמפּל אין געלן בלעכל אַריינגערוקט. לייבוש בער ליגט אין גרויסן בעט און רויכערט אַ גראָבן פּאַפּיראָס פֿון מאַכאָרקע, געוויקלט אין צייטונגס-פּאַפּיר. אַ ייד אַ הויכער מיט אַ מין בלינדן שפּיציקן הויקער ביים סאַמע קאַרק. זיין פּנים איז ברוין, געל, טשוגון-שוואַרץ, מיט טיפֿע, האַרטע קנייטשן, זיין קיילעכיק בערדל זעט-אויס ווי פֿון אַלטער וואַטע. אַמאָל אַ ייד אַ גבֿרן און אַפֿילו אַ נגיד פֿון זיין אייביקן מסחר מיט גענז, וועלכע ער פֿלעגט אויפֿקויפֿן אין די דערפֿער. היינט האָט זיך אָט-דער מסחר, ווי ער זאָגט, אויסגעלאָזט און צו קיין אַנדערן קען ער זיך נישט נעמען. לעבט ער טאַקע כמעט בלויז דערפֿון, וואָס רוזשע ברענגט אין שטוב אַריין, חברט זיך מיט חברה נושאים און כאַפּט אָפּט אַריין אַ כּוס ביי אַ בר-מינן. אַ וויץ האָט ער נישט פֿיינט, האָט אַפֿילו אַמאָל געהאַט עפּעס געשעפֿטן מיט דער מרשעת אין דער רעכטער זייט קעלער, אָבער כּונדעסטוועגן זיצט ער אָפּ שעהן לאַנג אין בתּי-מדרשים און הערט לערנען משניות. שוין נישט קיין יונגערמאַן, איז שוין עטלעכע זעכציק און קען נישט שלאָפֿן ביינאַכט. אַז רוזשע קומט אַריין, זאָגט ער:

— דער יונג וווינט שוין דאָ...

— שוין יעצט? — פֿרעגט רוזשע און קוקט זיך אום — כ'זע דאָך אים גאָרנישט...

— אויפֿן קאַסטן ליגט ער, נבֿלה איינע — זאָגט לייבוש בער – כ'האָב דאָך אים נישט געלייגט אונטערן בעט...

דאַנקען גאָט, אין שטוב איז ווייטער דאָ אַ לאָקאַטאָר. מיט די ערשטע צוויי איז אַפֿילו נישט גוט געווען. דער ערשטער האָט אָפּגעוווינט אַ חודש און קיין צווייטער נישט באַצאָלט. דער צווייטער האָט אַזוי שטאַרק געטשעפּעט מיט רוזשען, אַז דער אַלטער האָט אים געמוזט אַרויסוואַרפֿן ביים קאָלנער. אַ יונג מיט אַ פּאַרך איז דאָס געווען, אַ שוטה, און געהאַט האָט ער אַזאַ העזה — רוזשע שמייכלט אַזש אויף פֿון הנאה, וואָס ס'איז דאָ אַ מענטש אין שטוב, רוקט אַרויס דאָס לעמפּל און זאָגט:

— כ'גיי אים באַקוקן, הערסט, טאַטע? – מ'דאַרף זען, וואָס פֿאַרע יאָלד האָסט געברענגט...

זי גייט צו מיטן לעמפּל און באַלייכט אים. דער לאַנגער יונג, וואָס איז געלעגן הינטער דער דיקער, שוואַרצער קאָלדרע, האָט גאָרנישט געמוזט שלאָפֿן, ווייל ווי נאָר רוזשע איז צוגעגאַנגען, האָט ער צו איר אַן עפֿן געטון אַן אויג, אַ שיקלדיקס און אַ לוסטיקס. רוזשע האָט פֿאַרגעסן, אַז זי האַלט אַ לעמפּל אין דער האַנט און אַ פּאַטש געטון מיט ביידע לאַפּקעס פֿון גרויס שמחה. דאָס פֿייער האָט זיך אַ הויב געטון רויט און דראָענדיק און באַלד צוריק אַראָפּגעפֿאַלן.

— אוי, טאַטע, ר'איז דאָך נישט געשלאָפֿן! ער הערט זיך דאָך צו צו יעדער וואָרט, וואָס מיר רעדן!

דער אַלטער האָט בייז אַ ברום געטון, ס׳האָט אים, אַ פּנים, פֿאַרדראָסן, וואָס זי הויבט תּיכּף שוין אָן פֿירן אירע סצענעס. דער לאָקאַטאָר, אַ גוטמוטיקער פּאַרשוין פֿון אַ יאָר דרייסיק, אָדער מער, מיט אַ געשוירענעם שוואַרצן קאָפּ, ווי ערשט פֿון דער קאַזאַרמע אַרויס, מיט אַ גרויסער, לאַנגער נאָז־ האָט איצט געעפֿנט דאָס אַנדערע אויג אויך און געשמייכלט נאַרישעוואַטע און ווילעריש צוזאַמען. רוזשע איז אַריין אין התפּעלות:

— אוי, גאַטעניו, דו ביסט נישט געשלאָפֿן?.. געליגן און געוואָלט אַלץ אויסהערן?... כאַ־כאַ־כאַ!

ס׳איז איר געפֿעלן דער ענין, פֿון פֿאַרגעסנהייט געזאָגט אים „דו". דער יונג האָט איר אַ ווינק געטון מיט אַ פֿינגער, אַ סמן, אַז זי זאָל זיך צובייגן, וועט ער איר עפּעס זאָגן... זיין טפּשותדיקע היימישקייט און הנאה, האָט אַזאַ צי געטון רוזשען, אַז זי האָט זיך ווייטער צעלאַכט, האַרציק און הויך, ווי אַ קינד. אַז זי האָט זיך צוגעבויגן, האָט דער יונג איר אַ קוש געטון אין סאַמע קיצלדיקן אָרט פֿון גאָרגל, און צעפּיכעט זיך הויך און מיט גרויס תּענוג, ווי ער וואָלט נאָר דערויף געוואַרט... אין זיין אָפּמעסטן דעם קוש איז געלעגן גאַניסקייט. די מויד האָט ווי אַ ווינק געטון צו זיך אַליין און פּלוצלונג זיך פֿאַרגאַנגען הויך און אויסגעלאַכט, אַז אין צווייטן צימער האָט דאָס שווינדזוכטיקע מיידל זיך גענומען רירן.

— הערסט, טאַטע? — מעגסט אים שוין מאָרגן אַרויסזבענקען ביים קאָלנער! אַזאַ שמעגדע! ער נעמט זיך דאָך שוין צו מיר... מנע, דאָס געפֿעלט מיר שוין טאַקע!...

זי האָט צוריקגעטראָגן דעם לאָמפּ, זיך גענומען אויסטון צו לייגן אין בעט אַריין. דער טאַטע האָט ווייטער געפּאַפּעט זיין פּאַפּיראָס, נאָר ער איז איצט בייז געוועזן, געשוויגן און צום סוף זיך אַ ביזער געטון:

— נו פֿאַרלעש שוין דעם לאָמפּ אַמאָל, פֿאַרלעש!... רק זי האָט עפּעס צו טון, רק...

——— ———

פֿינף יאָר איז דער יונג אָפּגעוועזן אין מיליטער, דריי יאָר איז ער געזעסן אין מיליטערישער טורמע פֿאַר פֿאַרקויפֿן די ביקס, אַ יאָר האָט ער שוין דאָ, אין וואַרשע געאַרבעט ביי אַ לאַטשאַוש. אַ הויכער, אַ ברייטער מיט הויכע, זעלנערישע שטיוול, אין אַ זעלנעריש רעקל. נאָך אַלע צרות איז ער געבליבן אַ יונג אַ פֿריילעכער, נישט קיין איבעריקער חכם, גרייט אויף גוטס און אויף שלעכטס, אַבי צוזאַמען און ס׳זאָל זיין פֿון וואָס צו לאַכן. דאַמאָלס פֿלעגט ער פֿון גרויס שמחה אַ פּאַטש טון אין דער קני, רייבן די הענט און אַזש פֿאַרוואַרפֿן דעם געשוירענעם קאָפּ פֿון הנאה. אין זיין גרויס, פֿאַרבעלמעט־שיקלדיק אויג האָבן זיך אַזש געוויזן טרערן.

אַז דער יונג האָט געזאָגט צומאָרגנס רוזשען, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, האָט יענע פֿאַרזשמורעט איין אייגל, מיט חוזק אים אָנגעקוקט און געענטפֿערט, אַז ער קען שיקן אַ שדכן — אָן קיין שדכן גייט עס נישט ביי איר... דער יונג האָט לעקישעוואַטע־חשקדיק געקראַצט אין דער פּאַטעליניצע און אַלעמאָל הינטערווילעכץ זי אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען און געקושט, הויך־לאַכנדיק פֿון זיין בריהשאַפֿט. נאָר איינמאָל ביינאַכט איז רוזשע שרי אַהיימגעקומען. זי איז געווען אין גוטן הומאָר, די בלוי־ברענענדיקע אויגן אירע האָבן געבלישטשעט פֿון פֿריידן, אַז זי האָט דערזען דעם יונג, ווי ער זיצט איינגעבויגן ביים טיש און נייט־צו אַ קנעפּל צו זיינע הויזן, דערביי צושטעקנדיק דאָס אויג צו דער סאַמער נאָדל, האָט רוזשע צו אים אַ שמייכל געטון און פּיעשטשענדיק־חוזקדיק געזאָגט:

— אַנו, וואָס הערט זיך, חתנדל מיינס? — קום נאָר אַהער אַביסל צו מיר, שיינע פּרי מיינע!...

ביי דעם יונג האָט דאָס שיקלדיקע אויג אַ שיס געטון מיט פֿרייד און איז אויפֿגעשטאַנען אין דער גאַנצער גרויס, גרייט הנאה צו האָבן מיטן פֿולן מויל פֿון דער געלעגנהייט. ער האָט אַ כאַפּ געטון רוזשען, זי אַוועקגעזעצט אויף דער שויס און גיך הויבנדיק זיין שטאַרקן פֿוס אַראָפּ און אַרויף, ווי מיטוטעס מיט קינדער, האָט ער זיך אַזש פֿאַרכלינעט פֿון צופֿרידנקייט.

— אדרבה, זאָג, וואָס דו ווילסט אַזוינס, קעצעלע מיינס! כ׳האָב דיך דאָך ליב מער פֿון מיין מאַמען!...

— האָסט אַ מאַמען?

— ווי דען? —אָן אַלטע, זי שמעקט שוין צו דער ערד... כי־כי־כי... פֿון די זעלנער האָב איך איר געשריבן, נאָר דערנאָך אין קרימינאַל האָב איך פֿאַרלוירן דעם אַדרעס, כי־כי־כי...

ער האָט געפֿרעסן זי מיט די מוטנע אויגן, אַלעמאָל זיך איינגעביסן אין אַן אַנדער אָרט. רוזשע האָט געקוויטשעט פֿון ווייטאָג, אָנגענומען אים ביי ביידע באַקן און מיט ליבשאַפֿט געריסן אין ביידע זייטן, אַז ביים יונג איז דאָס מויל ברייט געוואָרן פֿון אויער צו אויער.

— הער נאָר, דו, שמעגדע מיט צימעס, דו ווייסט וואָס?

— לאָמיר שרייבן תּנאים... גוט?...

ס׳איז נישט מער געוועזן, ווי אַ שפּאַס ביי איר, געטענהט, אַז זי וויל דאָס אויך פּרובירן און געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז זי איז נישט קיין „וויטישע"... וואָס ס׳איז געוועזן פֿאַר דער חתונה, זאָל אים אָנגיין, ווי דער פֿאַריעריקער פֿראָסט... דער יונג האָט אַ ווילע איבערגעקלערט, געשמערגעט אין זיין לאַנגער, קרומער נאָז און צום סוף געזאָגט.

— וואָס גייט מיך אָן, וואָס פֿריער איז געוועזן? — אַבי ס׳וועט שפּעטער גוט זיין, הי? ס׳וועט שוין איינמאָל גוט זיין, כי־כי־כי!... איי, דו... דו...

אַזוי אַרום איז רוזשע פֿון דער העלער הויט געגאַנגען אַ כלה ווערן. אַז דער טאַטע איז שפּעטער געקומען צו גיין פֿון חברה נושאים און געהערט פֿון דעם נייעס, האָט ער זיך צעשיבערט, נישט־גלויבנדיק־קרום אַ קוק געטון אויף ביידע און געזאָגט:

— נו־נו, איר וועט געבן בראָנפֿן, וועל איך טרינקען... לעת־עתּה גיי איך שלאָפֿן...

(המשך קומט)

צייטשריפֿט
אויסגאַבע פֿונם אינסטיטוט פֿאַר ווייסרוסלענדישע קולטור.
אינטערעסאַנטע אַרטיקלען איבער געשיכטע, ליטעראַטור
און פֿאָלקלאָר, אַלט־יידישע שפּראַך־פֿאָרשונגען.
מיטטיילונגען און מאַטעריאַלן.
פּרייז 18 גילדן
אַדרעס: „Bycher", Warszawa, Nalewki 2a, p. 67
פֿאַר געלט: פּ. ק. אָ. 13.196

[illegible]
... ווייסע בּרוסט פון מאַרמאָרשטיין,
און אַ לייבּ פון העלפאַנטביין,
נישט געפורעמט, נישט געטאָקט,
נאָר עס פּלייצט פון דעם, עס יאָגט
חאַלדס געזונטער סמאָלץ־זאַפט.
לאָנקעס תאווה־פאַרבּן־קראַפט...
אַ געזיכט א גרויס, אַ בּרייט,
ווי אַ שויבּ אין אָוונט־רויט,
נאָר די אויגן... אַך, איר אויג:
ווי מיין קרעפּטיק־גרינער סטויג!
ניין, ווי נאַסער בּלעטער־וואַלד
מיט לבנה ליכט בּאַשטראַלט!...
עפּעס גאָלדיק־גרין בּאַשטאָלט!...
— אַך, מאַריסעניו, מיין גאָלד...

ווי אַ בּלויער אָוונט־רויך,
ציט מיין זעל זיך אומעט־ווייך
אויף דער ציכטיק־גרינער גרויס,
אונטער ווייטער בּלויער בּרייט
צו דער גרינער אויגן־פרייד,
די צוויי גרויסע קופּעס פרייד.

זיך אַ קייקל ווי אַ רינג
אין דעם בּונטן היי אַריין,
אין דער זון פון בּלומען־ווייַן!...

לייכט ווי שפּינוועבּ איז מיין בּרוסט!
ווי אַ זאַפטיק־גרינער קוסט
פון דעם בּרוינעם ערדן־שויס,
גיט מיין קול אַ ריס־אַרויס
אויף דער ציכטיק־גרינער גרויס,
צו דער ווייטער בּלויער בּרייט:
אַז איך האָבּ אַ זוי פיל פרייד!...
אַזאַ גרויסע קופּע פרייד!...

כ׳ליג פאַרזונקען טיף אין היי.
גרינינק גראָז און גאָלדן שטרוי
גלעט מיין בּרוין געזיכט און קושט,
דאָך איז אָבּער איצט מיין בּרוסט
שוין נישט דין ווי שפּינגעוועבּ,
נאָר ווי בּרוינער ליים די גרעבּ:
אַ שטיק ליים בּלאַנק־בּרוין בּאַנעצט
און מיט הערעלעך בּאַזעצט
פון אַ גרויען יאָדלע־בּוים...

# איין קעלער

## יצחק באַשעוויס / וואַרשע

(המשך)

ער איז אַהיימגעקומען פון חברה־נושאים אַ שיכורער, געהאַט דאָרט פאַרשפּילט עטלעכע גילדן אין קאָרטן, געהאַט אָפּגענומען אַ גרוס פון רוזשען, אַז זי גייט פאַר עטלעכע גילדן. פון זיינע צעשויבערט־ווייסע שוואַרצאַפּלען האָט שוין געקוקט די גאַנצע אָפּגענאַרטקייט און נישטיקייט פון לעבן, וואָס מ׳דערפילט, ווען מ׳קוקט זיך אום אין די אַלטע יאָרן און מ׳זעט אַז זיי זענען בּחנם... אומזיסט געהאָרעוועט פאַר זיך און פאַר אַ בּני־בּית און צום סוף בּלייבּט איבּער אַוועקצוגיין פון דער וועלט ווי אַ כּלב... רוזשע איז נאָך אַלץ געזעסן בּיים יונג אויף דער שויס, דאָס פּנים האָט בּיי איר געפלאַמט און זי האָט געשריגן צום אַלטן:

— דאַרפסט נישט אַזוי בּייז זיין, דו הערכט? — אַז דו וועסט מיך נישט חתונה מאַכן, וועל איך מיך אַליין חתונה מאַכן!..

דער אַלטער איז אַוועקגעפאַלן אויף זיין געלעגער, פאַרמאַטערט צוגעשלאָסן איין אויג, דאָס אַנדערע איז געבּליבּן אָפן, און ער האָט הויך געשנאָרכט, גלייכגילטיק אויף אַלעמען. ווען ער איז אויפגעשטאַנען, איז שוין אין זיין שטובּ קיינער נישט געווען. ער האָט געהאַט אין אַלץ פאַרגעסן און זיך שוין געגרייט אַוועקציגיין אין גאַס אַרויס, ווען ס׳איז פּלוצלונג אַריינגעקומען טעמע רחל, אַ נידעריקע, מיט אויסגעווייגטע אויגן, אין אַ קופּקעלע.— אַ פראָווינצערין, אַ פרומע און אַ שלעכטע,— האָט זי לייבּוש בּער פיינט געהאַט, ווי אַ שפּין, קיינמאָל נישט געוואָלט אויסהערן איר מוסר און לשון־הרע אויף דער טאָכטער; זי פלעגט קוקן דערבּיי אויף אים און צושאָקלען איר קעפּל, צודזשאַמדזשען מיט פינסטערן בּאַדויערן... דאָסמאָל זענען אירע גרויע, אויסגעווייגטע אויגן בּרייט צעעפנט געווען און זי האָט זיך איינגעקוקט אין אים מיט שרעק און שווייגנדיקייט, וואָס גיט צו פאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס זי גייט איצט זאָגן, איז נישט גלייך צו דעם, וואָס זי זאָגט אַלעמאָל... עפּעס גאַנץ אַנדערש...

דער אַלטער האָט אַ פאַרצי געטון די בּרעמען און געוואָגט:

— גוט־מאָרגן, גוט יאָר... וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן, וואָס?

— האָט נישט קיין מורא, לייבּוש בּער, כ׳בּין אייך נישט געקומען אָנקוקן — האָט די אַלטע שוין בּייז אַ פאַרקרום[illegible] געטון איר מויל, אַז ס׳האָבּן זיך דערזען צוויי לאַנגע, עקלהאַפט־פוילע ציין, ווייט איינער פון אַנדערן. — זאָגט מיר גלייכער, צי דער יונג דאָ בּיי אייך וויל... כ׳מיין, וואָס וויל דער יונג דאָ בּיי אייך? מסתּמא וויל ער דאָך עפּעס, מסתּמא!...

דער אַלטער האָט בּפירוש נישט געוווּסט, פאַרוואָס ער האָט מורא פאַר טעמע רחלען, שטענדיק זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס ער ווייזט איר נישט ווי די טיר זעט אויס... דאָך, אַז זי איז געקומען און גענומען איבּ „יאַדען", האָט דער אַלטער שולדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מרה־שחורהדיק געקוקט ערגעץ אין אַ ווינקל אין געשוויגן... איצט האָט זי דערציילט וועגן דעם, אַז זי איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן...

— כ׳האָבּ דען געקענט שלאָפן, האָבּ איך דען? — אַז זיי האָבּן דאָרטן בּיי אייך אַ גאַנצע נאַכט זיך געפּאָרעט... איין טאַטע אין הימל ווייס, וואָס זיי האָבּן דאָרט געטון, האָבּן זיי!.. אַז אַ ווייסטע בּראָך זאָל זיי נאָר דאָרטן וויסן און זיי זאָלן אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל, זיי זאָלן וויסן, אַז דער געאַכפּעטער איז זיך נוקם אין די, וואָס דערצערנען אים!...

די אַלטע האָט געשאָלטן מיט ווערטער פון „צאינה וראינה", דאָס קליינע, האָריקע געמבּעלע האָט זיך בּיי איר געוואָרפן פון צאָרן און זי האָט געשריגן, אַז זי וועט אי[illegible]

828-827 (1926) 136 [illegible]

# אײזקעלער

יצחק באַשעוויס / וואַרשע

(המשך)

— וו'ס'הייסט? ס'איז דאָך קיין מנין נישטאָ!... וואו האָט איר דאָ אַ מנין, וואו?

ער האָט פאַרצויגן די ברעמען, געקנייטשט דעם שטערן, געקנייטשט די נאָז, ווי ער זאָל נישט קענען דעם ריח פאַרטראָגן. טעמע רחל האָט אַ קוק געטון אויף לייבוש בערן, געוואָלט, ער זאָל פאַרשטיין אין איר בליק, וואָס זי באַטײַט, און אַז דער ייד האָט זי גלייך אָנגעקוקט און אפילו זיך קיין מי נישט געגעבן צו פאַרשטיין, האָט זי אַ געשריי געטון:

— נו, וואָס-זשע שטייט איר? — גייט אַרויס אין גאַס און רופט אַריין אַ מנין! נישט קשה, פאַר אַ שנאַפס וועלן זיי דיר גיין אין גהנום אַריין אויך!

זי האָט אָנגעוויזן דעם מלמד אַ שטול, אים געפרעגט, פאַרוואָס ער טוט נישט אויס דעם פאַלטאָ. אָבער דער מלמד האָט איר נאָר געענטפערט מיט אַ „מע" און אפילו אויף איר אַ קוק נישט געטון. אַ אַנטוישטער, פול מיט פאַראַכטונג צו אַזאַמין חתונה, האָט ער אפילו דעם פאַלטאָ נישט אַראָפּגענומען, גיך, גיך אויסגעפילט די געדרוקטע כתובה. אַז ר'איז געקומען צום נאָמען פון חתנס טאַטן און געפרעגט זייטיק צי ער לעבט נאָך, האָט ביי יענעם אַ שמייכל געטון דאָס אויג, איז צעמישט געוואָרן און פון גרויס פאַרלעגנהייט זיך אָנגערופן:

— אַהאַ, ער באַקט שוין בייגל!..

— אַזוי גאָר? — האָט דער מלמד, פול מיט רציחה אַ קוק געטון אויף דעם יונג מיט איין אויג. — נו, ני, ביזט שוין איינמאָל אַ גראָבער יונג! ..

ער האָט ווייטער געטון דאָס זייניקע. דער עקל צו דעם גאַנצן געזינדל האָט אָפן אַרויסגעקוקט פון זיינע געל-גרינע ווייס-אַפּלען, פון דער שפּיציק-רויטער, שאַרפער נאָז זיינער, וואָס האָט נישט אויפגעהערט אין זיך אַריינציען דעם מאָדנעם ריח, גלייך ווי ער וואָלט דוקא געוואָלט וויסן פון וואַנען ער קומט. באַלד איז דער מחותן אַריין מיט אַ מנין, אַ חברה גאַסן-יונגען און טרעגערס: גרויסע, און ריזיקע שטיוול און קורטקעס, מיט הייזעריקע קולות, ווי ביי גוים. זייערע קולות זענען גראָב געוועזן, זייערע טריט האָבן אָנגעפולט דעם קעלער מיט רויש. איינער פון זיי, רוזשעס אַ באַקאַנטער, איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. טעמע רחל האָט אַראָפּגענומען פון בעט אַ שיינע רויטע קאָלדרע און געזאָגט:

— דאָ איז אַ חופה!

— נו, און אַ רינגל? האָט דער מלמד זיך געבייזערט.

ער האָט דוקא געוואָלט, אַז ס'זאָל פון דעם אַלעם גאָרנישט ווערן און וואָס גיכער געוואָלט אַרויס. נאָר צו להכעיס איז געוועזן אַ רינגל אויך. טעמע רחל האָט עס פאַרקויפט דעם חתן פאַר אַ שיבוש. פיר טרעגערס האָבן געהאַלטן די קאָלדרע ביי פיר עקן, דער מלמד האָט גיך און אָן אַ ניגון געזאָגט פון סידורל אַרויס און געגעבן התן כלה צו טרינקען פון כוס ווײַן אָן אַ ברכה. רוזשע האָט אויסגעשפּיצט דאָס מויל, ווי צום פייפן, געפילט, אַז זי האָט פיינט דעם מלמד תכלית-שנאה און בלויז אַ לעק געטון פון כוס מיט דער צונג, אַ שמאָלע, אַן אַרויפגעבויגענע ווי ביי אַ יונגער ציג. דער חתן האָט אַ זיפץ געטון, אַ קוק אויף איר מיטן גרויסן אויג און זיך פאַרכלעפּטשעט, צעלאַכט זיך שוטהוואַטע און הילפלאָז, פול מיט מורא און תחנונים אויף דער לאַנגער נאָז. דער מלמד האָט אַ שמייכל געטון, פלוצלינג זיך פאַרפרומט, אַ זיפץ געטון און ווייטער געזאָגט. אַז ער האָט געענדיקט און אַ מאַך געטון צו די טרעגערס מיט זיין קליין, האָריק הענטל, אַ סימן, אַז זיי מעגן שוין צונעמען די חופה, האָבן די טרעגערס, ווי אָפּגעשמועסט, אַראָפּגעלאָזט די קאָלדרע אויף חתן-כלהס קעפּ. דאָס געלעכטער האָט אויסגעבראָכן הויך און גויש. דער מלמד האָט שוין ביי דער טיר פאַרקנעפּלט דעם פאַלטאָ אויף אַלע קנעפּ, זיך איינגעהילט און אַרויס אָן אַ „גוטער נאַכט", טאַפּנדיק אין חשכות פון קעלער, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ער זאָל וואָס גיכער פון דאַנען אַרויס...

— מנע! וואָס אַ לך דאָס וואַרשע פאַרמאָגט! איי-איי-איי, ס'דוכט זיך אַזוי יידן!... שיינע יידן, מ'שטיינסגעזאָגט! פכי!...

ער האָט זיך געגרייט צו דערציילן דעם עולם אין חסידים-שטיבל די ניסים, נישט אויפגעהערט הויבן די אַקסלען, נאָר דאָ האָט מען געטרונקען שנאַפּס איינער נאָכן אַנדערן, געדרוקט ביים חתן די האַנט און כאָטש זיי האָבן אים נישט געקאָנט — געקלאַפּט מיט די ידים אין די פּלייצעס, אָנגעוויזן אויף דער כלה, אַז זי איז ווערט דאָס געלט... אַ טייערע מויד... רוזשע האָט זיך געדרייט צווישן דער חברה ווי אַן איינענע, געווינקען מיט די אויגן, געטרונקען שנאַפּס. אַז דער עולם איז אַרויס, איז זי אַריין גאָר אין אַ גוטער לוינע, אַ קוק געטון מיט חוזקדיק פאַרליבטע אויגן אויף איר מאַן און אַ זינג געטון:

— קום נאָר אַהער, מאַנעלע מיינס! יעצט מעג מען דאָך שוין, אמת טעמע רחל?... און דו, טאַטע? — מעגסט דאָך מיר אָפּגעבן מזל-טוב, מעגסטו דאָך!...

זי האָט דעם אַלטן געקושט אין ביידע באַקן, ארומגעכאַפּט און אָנגעשפּאַרט זיך אויף אים מיט איר ברוסט. דער אַלטער האָט אויף איר אַ קוק געטון, דערפילט, ווי דאָס פנים פילט זיך אים אָן מיט בלוט און זי לייכט אָפּגעשטויסן.

— נו, אדרבה, זאָל זיין מיט מזל!... מהיכי תיתי — האָט ער געצויגן דעם פּאַפּיראָס — הע?...

ער האָט גיך אויסגעכון די געהאַקטע קאַפּאָטע, געהאַלט ס'זאָל וואָס גיכער נישט טאַרבלייבן קיין זכר פון דער גאַנצער מעשה, און תיכף אַוועק אין גאַס אַריין... רוזשע האָט אַ קוק געטון אויף איר האַנט-זייגערל, אַ שמייכל געטון, און אָנקוקנדיק דעם מאַן אירן אָפּנאַרעריש חוזקדיק, האָט זי מיט אָנצוהערעניש — געזאָגט אונטער דער נאָז:

— איך גיי אויך אַוועק... האָב צייט, אַרום צוועלף אַ זייגער האָסטו מיך צוריק...

דער יונג האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, געקראַצט אין דער לינקער פאה, שוין מיט חשד און נישט צופרידנקייט געשמייכלט מיט זיין גרויס, שיקלדיק אויג אין דער נאָז אַריין און געזאָגט:

— שוין? האָסט שוין קיין צייט נישט? — נו, קום כאָטש צוריק, כי-כי... הע?

---

דריי טעג האָט רוזשע געוווינט מיט איר מאַן. אַז טעמע רחל איז אויפגעשטאַנען דעם פערטן טאָג און ווי תמיד אַ קוק געטון צו איר קופערטל, ווו ס'איז געלעגן איר צירונג און קניפּל מיט געלד, איז איר נישט גוט געוואָרן, — די שלאָפּקופּקע איז איר אַ פאַל אַראָפּ געטון. אין אַלעמען פאַרגעסן, אין לאַנגן העמד און מיט דעם טרעפּיקן, געשווירענעם קעפּל נישט פאַר-

דעקס, איז זי ווי אַ פּאַל אַרויס געטון פון איר בעט מיט אַ זעץ און אַ געשריי געטון:

— געוואַלד! מ׳האָט מיך באַגנבעט!

דאָס, פאַר וועלכן טעמע רחל האָט אַ גאַנץ לעבן מורא געהאַט, איז אויף איר סוף־כל־סוף געקימען. מיט די נעגל אין קאָפּ, דאָס גאַנצע פּנים צעקרומט פון פאַרצווייפלונג און געשריי, איז זי אַריין צווישן די מאַנספּערשוינען, גענומען אומשפּרונגען איבערן קעלער משוגעוואַטע, גרייט אָנצופאַלן אויף יעדן און צו צערייסן, ווי אַ פאַרציקנדיקע חיה. דער אַלטער, וואָס איז געשלאָפן מיט איין געעפנט אויג, האָט אַ מרוק געטון, צעטומלט אַ בליק געטון איבער דער שטוב. כאָטש ער האָט גלייך אין דער ערשטער רגע פאַרשטאַנען, וואָס ס׳איז דאָ געשען, האָט ער זיך אינגאַנצן אַ טרייסל געטון און געשריגן:

— אוי וויי מיר! וואָס טוט זיך דאָ! טעמע רחל! וואָס איז געשען, וואָס?!

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען אין די וועש פון בעט, אַ ריס געטון דאָס שפּאַנישע ווענטל. דער אויסגעדינטער זעלנער האָט אין חלום געשמייכלט. פון רעש האָט ער אויפגעעפנט די אויגן און אַ קיק געטון אויף די צוויי האַלב־נאַקעטע אַלטע מיט פאַרווירטע בליקן.

— רוזשע?! נישטאָ רוזשע?! — געוואַלד! געוואַאַאַלללד!!! גע—וואַ—לללד!!!

טעמע רחל האָט אַזאַ געשריי געטון, אַז מ׳האָט תּיכף זיך אָנגעהויבן אָנלויפן, די שכנים זענען אַרויסגעשפּרונגען פון די בעטן. דער סטרוזש פון הויף, — אַ הויכער גוי מיט אַ האַלב מצורעדיק, אָפּגעשיילט פּנים, איז מיט איין שפּרייז אַראָפּ מיט זיינע לאַנגע פיס פון אַלע טרעפּ, אַריין מיטן בעזעם און אַ הוילן געשריי געטון:

— וואָס איז דאָ?! ווו ברענט, ווו?!

ס׳האָט אין ערגעץ נישט געברענט. מ׳איז נאָר געוואָר געוואָרן אין הויף, אַז אין מיטן דער נאַכט איז דאָס נייע ווייבל, רוזשע לייבוש בערס, אַוועק פון דאַנען און מיטגענומען טעמע־רחלס קניפּל.. באָרוועסע שכנטעס אין קורצע, פאַרריסענע האַלקעלעך, אין די שלאָפקופקעלעך, מיט ווייכע, אויסגעפּרייטע פיס, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ רעדל, געשריגן איינע צו דער אַנדערער, געבראָכן די הענט און אין זייערע גלאַנציקע, רחמנותדיקע מינעס איז שוין געלעגן די כיטרע הנאה און נקמה אין דער ביטערער יידענע.

— אַ סך געלט האָט איר געהאַט, טעמע רחל? וויי איז צו מיר נישט נעבעך! שוין איין מאָל אַ פּרי! שיקט נאָך אַ סטראַזשניק... גייטס נאָך אַ סטראַזשניק, גייטס!

די ווייבער האָבן בשום־אופן נישט געקענט אַרויסקריגן, וויפל געלד זי האָט געהאַט, טעמע רחל. דערפאַר איז באַלד אָנגעקומען אַ באָרוויס בעקער־יונגל מיט אַ פּאָליציאַנט. דער נאַכט־סטראַזשניק, אַ דיקער, נידעריקער און אָנגעבלאָזענער, מיט אַ רויט, ברוגז פּנים פון שטיין און האַכן ביינאַכט, איז נאָכגעגאַנגען דעם יונגל שווער און זיך וויגנדיק, מיט שנאה אין עקל זיך איינגעקוקט אין צוזאַמענלויף און שוין ווי ר׳איז נאָר צוגעקומען, האָט ער מיט דער צווייטער זייט ביקס אַ שטאַרקע געטון אַ קליין, דאַר יידנקעלע מיט אַ געשריי:

— פונאַנדערגיין! מאַרש! פּאַשאָל!

ס׳איז שוין איצט נישט געווען מער זיין צייט, די אויגן האָבן זיך אים געקלעבט צום שלאָפן. אַ פּראָטאָקאָל צו מאַכן איז אויך נישט פאַר אים געווען אַזאַ לייכטע אַרבעט. אַז טעמע רחל האָט פּאַטשנדיק די הענט און רייסנדיק די באַקן דערציילט, וואָס ס׳איז געשען, האָט דער סטראַזשניק אַ האַסטיקן שפּיי געטון און געענטפערט:

— אַנטלאָפן איז אַנטלאָפן! כ׳ווייס נישט וועמען צו יאָגן, ווייס איך נישט!...

ער איז פונדערסטוועגן אַריין אין קעלער, געהייסן מיטגיין מיט זיך דעם כאַטן און דעם מאַן. דער יונג האָט תּיכף גענומען ווייזן, אַז ער קען רוסיש, גענומען זיך וויצלען מיטן סטראַזשניק, אַריינשמעקנדיק אין זיין נאָז אַריין חניפהדיק און וווילעריש צוזאַמען.

— אַז כ׳זע אַ מויד, ווי ס׳דאַרף צו זיין, הער פּאָליציאַנט, גיי ווייס, אַז דאָס איז אַזאַ דעספּראַט־?־עך, די כאָלערע מעג זי שוין דאָרטן נעמען... אינגאַנצן דריי טעג מיט איר געוווינט.. שוין איינמאָל געווען אַ פייגעלע... נישט נחנם האָט זי חתונה געהאַט מיט אַזאַ אַרעסטאַנט, ווי איך, כי־כי־כי..

— דו ביסט אַן אַרעסטאַנט אויך?

— צוויי יאָר געזעסן אין אָסטראַכאַנער מיליטערישער טורמע, כי־כי־כי... צוליב אַ ביקסל...

ער האָט צוגעווינקען מיטן גרויסן, פאַרבעלמעטן אויג, געקראַצט מיט חשק אין דער געמבע, געוואָלט נאָך אַ סך שמועסן מיטן סטראַזשניק, נאָר יענער איז נישט געווען אין דער לוינע, געהאַלטן דעם יונג פעסט ביים אַרבל און צוגעוואַרט ביז דער אַלטער וועט זיך אָנטאָן. דער אַלטער איז אפנים געווען נישט געזונט. געל, ווי וואַקס, מיט יענער קראַנקער וואַסערדיקייט אין בליק, וואָס קומט פון דער פאַרצערנדיקער, אָפּשוואַכנדיקער היץ, האָט ער זיך געמוטשעט איידער ער האָט אָנגעטון די שטיוול, די רויטע, האָריקע הענט האָבן ביי אים שטאַרק געציטערט. פעסט איינציענדיק דעם לעדערנעם פּאַסיק פון זיינע הויזן, האָט ער זיך שווער און ביטער צעזיפצט. ס׳האָט דורכגענומען אַלע, וואָס זענען דערביי געשטאַנען. אפילו דער סטראַזשניק האָט זיך איינגעגעסן אין אים מיט אַ פרוונדיק אייגל, אַ חורישס און אַ קליינס:

— וואָס זיפצטו אַזוי, אַלטער הונט, פאַר דער טאָכטער וועסטו נישט זיצן —

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, הער סטראַזשניק, ס׳איז מיר אַלץ איינס... איר קענט מיך מיינסטאַלבן הענגען... עך, איידער אַזעלכע בזיונות אויף דער עלטער, איז שוין גלייכער דער טויט...

ער האָט מבוהלדיק זיך איינגעקוקט אין דעם גאַנצן עולם, וואָס איז זיך דאָ צוזאַמענגעלאָפן, דערקענט צווישן זיי זיינע שונאים און ס׳ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער געטראַכט: אדרבה זאָלן זיי נעמען נקמה אין מיר... כ׳בין דען מער ווערט, בין איך דען?... טעמע רחל איז אַרויס פון איר שטוב איינגעהילט אינגאַנצן אין אַ שאַל, אין אַ פּאָר גרויסע שקראַבעס אויף די באָרוועסע פיס. זי האָט אויך געדאַרפן מיטגיין אין קאָמיסאַריאַט אַריין. נאָר די לעצטע רגע, האָט זי זיך צעיאָמערט אויסגעצויגן און קוויטשנדיק, און געטענהט:

— צו וואָס דאַרף איך דעם אַלטן, צו וואָס? — ער האָט מיך נישט באַגנבעט... אוי, וויי איז צו מיינע אַלטע יאָרן!.. וואָלט דען נישט בעסער געווען, ווען מיר וואָלטן פאַרגאַנגען געוואָרן אין דער פינסטערניש און מיר וואָלטן פאַרשניטן געוואָרן אין די יונגע יאָרן, איידער צו בלייבן נאַקעט און בלויז... אויסצושטרעקן נאָך אַ נדבה מיין האַנט...

זי האָט געבראָכן די הענט, געיאָמערט מיט דעם ניגון, וואָס מ׳קלאָגט אויף אַ טויטן, מיט יענע מענה־לשון־ווערטער, וואָס נאָגן אויס דאָס בלוט, מאַכן בלייך און איבערגעשראָקן די פּנימער מיט זייער טיפער, בית־הקברותדיקער עצבותדיקייט. די טרערן, גראָבע, געלע, זענען קלעפּיק גערינען איבער אירע

נעקנײטשטע באַקן. די שווינדזוכטיקע האָט מער נישט נעקאָנט איינליגן אין בעט, איינגעהילט זיך אין אַ שאַלכל, אָנגעשטעקט אַ פּאָר צעטרעטענעשטעקלאַטשן און אויך אַריינגעקומען. אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט גרויסע, מאַט-גרויע אויגן פון אַ קראַנקער, די בלאָנדע, דין-טרוקענע האָר, ווי פלאַקס, צעשויבערט און מיט יענער נישט-געזונטער וואַרעמקייט און גערויטלטקייט אין די באַקן, וואָס קומט פון דער קראַנקייט און פון שטענדיקן ליגן אונטער די פּערענעס. דער קאָפּ האָט זיך איר, אפנים, געדרייט פון פלוצלינגן אַראָפּגיין, ווייל זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אין ביישטילכל, געקוקט מיט צעשפּריטע שוואַרצאַפּלען אָן כּוח. די מאַמע האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט איין פאַרוויינט אויג, דערקענט, אַז זי קען זיך אויף די פיס נישט האַלטן און פינצטער, פול מיט באַדוירן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— שוין? אויך געקומען אויף דער חתונה? — וועסט שוין האָבן אַ חתונה, וועסטו שוין... אַזוי לאַנג זאָל דאָס יידישע גלות דויערן, ווי לאַנג דאָס וועט נאָך אָנטרייבן... אַ שוואַרצע לויה וועל איך נאָך דיר האָבן... אַ קבר פאַר דיינע יונגע יאָרן... גיי, לייג דיך אַוועק!... הויך אויס די נשמה!...

זי האָט ווייטער גערעדט, געשאָקלט זיך איבער איר, ווי איבער אַ בר-מינן. נאָר דער סטראַזשניק האָט מיט רציחה אַ ציי געטון דעם יונג ביים אָרבל, מיט דער צווייטער האַנט זיך אַ כאַפּ געטון ביי דער שווערד, גרייט צו שלאָגן מיט דער שייד אויף רעכטס און אויף לינקס, אויב מ'וועט זיך נישט צואיילן. האָבן אַלע דריי אָנגעהויבן גיין. פאַראומערטע, פאַרצירהטע, ברוגזע האָבן לייבוש בער און טעמע רחל זיך נאָכגעשלעפּט פון הינטן, געשעמט זיך צו קוקן אין די אויגן אַריין און צוגעשאָקלט די קעפּ: נישט געוואָלט זען, ווי די שונאים פרייען זיך... אַפילו דער יונג איז מרה-שחורהדיק געוואָרן פון דער העלער הויט און געשוויגן. נאָר גאַנץ הינטן און אינדערזייט האָט באַגלייט זיי אַ טשאַטע אָפּגעריסענע, באָרוועסע יונגלעך און מיידלעך, הינטיש - חשקדיק זיך געדרייט ביי דער זייט, אַנטלאָפן פאַרן סטראַזשניק און באַלד ווידער אונטערגעקומען, פלינק און פול מיט דער תאווה פון צוזען, וואָס ס'וועט ווייטער געשען. זייערע קבצנישע אייגעלעך האָבן געברענט גנבהש, לאַקערדיק, ממזריש - שאַרף און שוואַרץ ווי שוואַקס, ווי זיי וואָלטן דאָ דערשמעקט עפּעס-וואָס און זיי ווילן בשום-אופן נישט אָפּטרעטן, ווי לאַנג זיי וועלן דאָס נישט באַקומען. דער סאַמע בזיון פון אָרעמקייט איז נאָכגעלאָפן ביז דער דאָזיקער באַנדע, שפּאָטנדיק געפייפט אין אויערן, געגלאַנצט אין פּנים. נישט ווייט שוין פון „צירקל" האָט לייבוש בער זיך אַ כאַפּ אָן געטון ביי די קעשענעס, געפילט, אַז אים איז נישט גוט צו חלשן און זיך אַראָפּגעזעצט צו דער ערד פאַרזיכטיק, ווי אויף אַ לייכט בענקל. ער איז דערביי ווייס געוואָרן, ווי אַ כּת.

(סוף קומט)

# צווי בריוו פון אסתר רחל קאמינסקי *)

## צו דעם ערשטן יארצייט

### צו יעקב דינעזאָן

ניו-יאָרק, 14-טן דעצעמבער. (1909)



א. ר. קאַמינסקי אין יאָר 1925.

אַ הערצלעכן גרוס אַן מיין ליבלינג. עס וווּנדערט מיך זייער, וואָס איר שרייבט גאָרנישט צו מיר אַ פּאָר ווערטער. איך בעט אייך, שרייבט, פריינט, וואָס איר מאַכט און ווי איר פילט (זיך). איר וועט מיר געוויס פיל פאַרגעניגן פאַרשאַפן מיט אייער שרייבן. ביי מיר גייט עס ווי געוויינטלעך: איך אַרבעט און האָב זייער פיל ביפאַל, מיט גרויסע אַפּלאָדיסמענטן, און פאַרדין געלט און בענק שטאַרק אַהיים, נאָך מיינע גוטע פריינט. איך האָב שוין דאָ אויך זייער פיל פריינט, נאָר איך קען זיי נישט צעקייען, דעריבער קען איך מיך נישט צו זיי צוגעוויינען. זייט געזונט, מיין גוטער פריינט.

אייער טרייע פריינדין

רחל קאַמינסקי.

מיר ערוואַרטן אַשן.

צושריפט צום בריוו פון אברהם-יצחק קאַמינסקי:

„זייער געערטער און זייער געשעצטער פריינט י. דינעזאָן!

איך געפין פאַר מיין חוב אייך צו שרייבן און מיך צו אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב מיך מיט אייך נישט פאַראָפּשיידעט. די אורזאַך דערפון איז, ווייל איך בין אַוועק-געפאָרן קראַנקערהייט...

איך באַנאַכריכטע אייך, אַז איך האָב געטראָפן מיין פרוי געזונט און פריילעך... דעם אַמעריקאַנער אַרטיסטן-קריזיס האָט זי שוין איבערגעלעבט און זי איז איצט פון אַלעמען אָנערקענט. זי האָט גרויס ערפאָלג. דאָך ציט עס זי צום אַלטן שטעקן — צוריק אַהיים! די אַמעריקאַנער דאָלאַרס איבערראַשן זי נישט, ווייל די קונסט שטייט דאָרט פיל נידעריקער, ווי אין רוסלאַנד... דערום זאָג איך אייך קורץ, אַז מיר וועלן אי"ה נאָך די ווינטער-סעזאָן צוריקקומען קיין וואַרשע מיט אַ נייעם רעפּערטואַר און שפּילן אַזעלכע פּיעסן, וועלכע וועלן פיל העכער הייבן דאָס יידישע טעאַטער... עס וואָלט אָבער זייער ווינטשנסווערט געווען, אַז אונזערע ליטעראַטן זאָלן אויך פאַרבאַרייטן כאָטש עפּעס פאַר דער יידישער בינע...

זייט האַרציק געגריסט און געקושט פון מיר און מיין פרוי! מיר זאָלן זיך אויך טרעפן געזונטערהייט!

איך און מיין פרוי בעטן אייך זייער, פריינטלעך צו גריסן י. ל. פּרץ און ד. פרישמאַנען, נאַטירלעך מיט זייערע פרויען.

אייער ערגעבנסטע

אברהם-יצחק און אסתר-רחל קאַמינסקי."

### צו יעקב דינעזאָן

לאָנדאָן, פרייטיק, דעם 6-טן פעברואַר. (1914)

מיין איינציקער, בעסטער און ערגעבנסטער פריינט, — ווי איך קען מיך אויסדריקן, — אומפאַרטייאישער, אמתער פריינט יעקב דינעזאַן!

*) פונם בוך „בריוו פון אסתר רחל קאַמינסקי", וואָס דערשיינט אין

# אײזקעלער

## יצחק באַשעוויס / וואַרשע

(סוף)

גאַנצע דריי וואָכן האָט לייבוש בער געקרענקט און גע־לעגן אין היץ, חברה נושאים — די אַלטע גוטע פריינד — האָבן אַפּנים פאַרגעסן לייבוש בערס אַדרעס, ווײַל די גאַנצע צייט האָט קיינער פון זיי אַהער נישט אַריינגעשמעקט. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער יונג, דער איידעם, האָט נאָך אַלץ דאָ גע־נעכטיקט און זיך געפירט, ווי אַן אײגענער, איז דער גאַנצער עול געלעגן אויף טעמע רחלען. געגוג פאַרטון מיט דעם איינע־נעם חולה, האָט זי פונדעסטוועגן נישט פאַרגעסן אין לייבוש בערן, געדענקט צו פאַרשטיפן די שפּאַלטן אין טיר און פענס־טער, ס'זאָל חלילה נישט אַריין קיין צוג, געקאָכט פאַר אים שיטערע גריצן, געשמירט אים מיט טערפּענטין. דער אַלטער איז געלעגן אַן אָפּגעדעקטער, שווער געקרעכצט, איינגעקוקט זיך אין טעמע רחלען מיט גלעזערנע אויגן. הפלאַ, אַליין נישט פאַרשטייענדיק פאַר וואָסערע מעשים־טובים ס'קומט אים, אַז טעמע רחל זאָל זיך אַרום אים פאָרען, האָט זיין דערהיצט אָנגעלאָפן לייב געציטערט אונטער די קיצלדיקע פינגער פון אירע הענט, קראַמפּהאַפט זיך געטוליעט אין זיך אַליין, ווי דאָס לייב וואָלט זיך געשראָקן פאַר די אומזיסטע כבוד...

אויפגעשטאַנען פון זיין קרענק איז לייבוש בער ערשט פאַר ראש־השנה. אין משך פון דער צייט איז זיין פּנים עלטער געוואָרן אויף אַ סך יאָרן, געל געוואָרן, די האָר און באָרד מבוהלדיק־צעשויבערט און פאַרפּעדערט, די אויגן — גלעזערן־ווייסע — האָבן זיך איינגעקוקט ווייט און אָפט אין דער טונ־קלקייט פון דער דירה. ער איז נאָך אַלץ געזעסן אין בעט אַ צעחמטער, קוים אין צרות געקאָנט זיך אָפּגעבן חשבון, וואו ער איז אין דער וועלט און אַמאַיינסטן איז אים אומפאַרשטענד־לעך געווען, וואָס טעמע רחל זאָרגט פאַר אים אַזויפיל. תחלת איז דעם אַלטן איינגעפאַלן, אַז ער האָט געמוזט האָבן געלט, שעהן לאַנג געחשבונט מיטן שווייסיק־בלאָנדושנדיקן שטערן, גע־ציילט אויף די פינגער, דערשטוינט איינגעזען, אַז פאַר דער קרענק האָט ער כמעט גאָרנישט נישט געהאַט און ווייטער גע־פּרוווט פונסניי... זיינע מוטנע־גרויע שוואַרצאַפּלען זענען אַוש געשטאַנען פון טעמפּקייט, איינגעקוקט זיך אין איין פונקט לאַנג, נישט באַנרייפנדיק... אין איינעם אַ פרימאָרגן איז טעמע רחל אַריינגעקומען פון איר שטוב, ווי אַלעמאָל קודם־כל אַ טאַפּ געטון ביי לייבוש־בערן דעם דופק, זיך אַהעקגעזעצט אויפן ראַנד בעט, לאַנג און מבינישפאַרזאָרגט זיך איינגעקוקט אין זיין צורה און אינם קנייטש פון איר נאָז האָט מען געקענט דערקענען, אַז זי גרייט זיך צו זאָגן עפּעס נייעס, עפּעס נישט־אָנגענעמס, נאָר זי ישובט זיך נאָך. צום סוף האָט זי געזאָגט:

— איר ווייסט, לייבוש בער, מער קען דאָס אַזוי נישט גיין!... איך קען נישט, פאַרשטייט איר מיך!.. איך האָב מיך אַ גאַנץ לעבן געהיט פון לייטישע מיילער!.. אויף דער עלטער דאַרף איך עס אוודאי נישט!...

לייבוש בער האָט נישט פאַרשטאַנען, געגלאָצט מיט די אויגן און זיכער געווען, אַז ער וועט איצט דאַרפן פאַר אַלץ צאָלן מיט פּראָצענט... זי וועט שוין עפּעס אויסדרייען... דער־הערט, אַז מ'רעדט אויף טעמע רחלען, ווייל זי גייט אַרום אים, אַ מאַנספּערשוין, האָט דער אַלטער אַ גיכן קראַץ געטון אין זיין בערדל און זיך צעשמייכלט פויל און קראַנק מיט אַלע קנייטשן פון זיין פּנים.

— העה? אַזוי גאָר? — כי־כי־כי...

— יאָ, יאָ, ס'איז גאָרניש קיין געלעכטער, איז עס נישט— האָט טעמע־רחל פאַרצויגן די ברעמען. — מענטשן האָבן מיילער, האָבן זיי... ווילסט דיך אַרום אים פאָרען, זאָגן זיי, קענסטו מיט אים חתונה האָבן... אַזוי איז נישט יידיש, זאָגן זיי, נישט פאַר גאָט און נישט פאַר לייט...

זי האָט גערעדט פאַרדראָסיק־גיך, געקנייטשט דעם שטערן. זי האָט אַלץ כסדר נאָכגעזאָגט, וואָס מענטשן זאָגן, געטענהט אַז זי מיילער מעגן זיי אויסגעקרומט ווערן אין פינדעסטערע כוזה געוועזן, אַז אין תוך גענומען זענען זיי גאָר כשר... אַזוי קען דאָס נישט גיין!.. דער אַלטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. תיכף פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ גייט און כאָטש ער איז באַ שטאַנען, האָט ער זיך געשעמט. געשמייכלט אין זיין וואַכזיקע בערדל אַריין פאַרלעגן און נאַרישעוואַטע, אַוש טרערן האָבן זיך באַוויזן אין די ווינקלען פון זיינע אויגן.

— נו, איז וואָס־זשע זאָגט איר? — איך ווען יואָלט מען דאָס געקענט אָפּלייגן?...

זי האָט נאָר געדאַרפט אַ תשובה ברורה, דאָס איבעריקע האָט זי שוין אַלץ אַליין פאַרזאָרגט. נישט בחנם האָט מען גע־האַלטן טעמע רחלן פאַר אַ פּריה נפלאה. אין משך פון עטלעכע טעג האָט זי געלאָזט אויפנייען לייבוש בערן אַ ניי ציצן כאַלאַט, אָפּגעקויפט פאַר אים אויף דער „וואָלעטע" אַ פּאָר אַלטע מכנסים. אַלץ גרייט געמאַכט צו דער חתונה. אמת, ביים חתן זענען די פיס נאָך אַלץ שוואַך געוועזן און ער האָט קוים געקענט אַ טריט טון, אָבער טעמע רחל האָט זיך צוגעאיילט. באַנאַכט זענען זיך צוזאַמענגעקומען עטלעכע גלעזערס מיט עוויבן־קעסטלעך אויף די פלייצעס, עטלעכע בעלי־מלאכהלעך פון הויף, וואָס האָבן איבער די פאַרשאַרצטע אַרבל איבערגעוואָרפן די שבתדיקע גע־האַקטע קאַפּאָטעלעך מיט ליידיקע, נאָכהענגנדיקע אַרבל. זיי האָבן אַלע גערעדט אויף איין מאָל, געחכמהט זיך, געזאָגט גע־פעפערטע וויצן, און לוסטיק־זשמורנדיק צוגעווינקען צום חתן. ביים טיר איז געזעסן דער חתן אין זיין נייעם כאַלאַט. ער איז יעצט דאָס ערשטע מאָל נאָך עטלעכע וואָכן אַראָפּ פון בעט, נישט געקענט פאַרטראָגן די האַרטע, איינגעדאַרטע שטוול, געציטערט פון קעלט און מיט ביידע הענט אַרומגעהאַלזט אַ הייס גלאָז טיי, כדי זיך צו דערוואַרעמען... טעמע רחל איז אומ־געלאָפן פון שטוב צו שטוב, געקלאַפּט מיט די טירן, געפאָרעט זיך אין איילעניש, געזידלט דעם שטיף־איידעם, פאַרוואָס ער זיצט, ווי אַ ליימענער גולם און שמערגעט אין דער נאָז אַריין...

זי האָט אפילו נישט פאַרגעסן אונטער דער חופה אַ פעסטן טריט צו טון דעם אַלטן איבערן שטיוול, וואָס איז אַ סגולה, אַז דאָס ווייב זאָל האָבן די דעה... דער זעלבער מלמד מיכן געלן בערדל האָט מסדר קידושין געווען, נאָך דער חופה געטרינקען לחיים, ציענדיק איינציקע האָר פון זיין בערדל מיט חסידישער פּקחית אין חיזוק. דאָס לעצטע בעל־מלאכהלע האָט אויף דער שוועל אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַ בלינצל געטון צו טעמע רחלען מיט איין שוואַרץ אייגל און ליצניש־ווילעריש איר אַריינגעשריגן:

גאַנץ „זשאַן קריסטאָף" פון ראָמען ראָלאַן
באַקומט יעדער אַבאָנענט פון די „ליט. בלעטער"

— אַ גוטע נאַכט, טעמע רחל... זאָל גאָט געבן, אַז דער חתן זאָל אינגיכן אָנהויבן גיין...

— זאָל דיר דער קאָפּ גישט דאַרן – האָט טעמע רחל בייז אַ זיפּ געטון מיט דער נאָז.— אַז ער איז מיין מאַן, וועט ער שוין גיין!

זי האָט זיך געגרייט צו מאַכן דעם אַלטן אויפסניי פאַר אַן עופות סוחר, אַ האַלבע נאַכט געמאַכט מיט אים חשבונות, וואָס אַזאַ מסח־ קען איינברענגען. שפּעטער אָבער, נאָך אַטאָג טעג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַלטער באַקומט מער נישט קיין כוחות אין די פיס אַריין... טעג גייען און ביים אַלטן זענען נאָך אַלץ די פיס, ווי ביי אַ קינד: מוז זיך אָנהאַלטן אין קליעס, אַז נישט פאַלט ער... אַ קאַליקע... אַן אייביקע קאַליקע!..

טעמע רחל האָט געשאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ, געבראָכן די פינגער, דערציילס פאַר שכנות איר אומגליק... צו אַלע צרות האָט איר נאָך געפעלט אַ קאַליקע .. וואָס קען אַזעלכער מ׳שטיינסגעזאָגט טון? — סיידן ער זאָל זיך אָנהענגען אַ טאָרבע און בעטלען... אַדרבה, אפשר האָט איר אַן אַנדער עצה? לאָמיך הערן, לאָמיך!...

טעמע רחל האָט אַלדינג צוגעגרייט, שוין אַלע געגעבן אָנצוגעהערן- מיט כלערליי שבועות געשוואוירן, אַז זי האָט עס נישט אין זינען געהאַט... זאָל זי אַליין ווערן אַ קאַליקע אויף די אַלטע יאָרן, אויב זי האָט בעת דער חתונה געהאַט אַזעלכע מחשבות... אַ טאָג פאַר ערב-ראש-השנה האָט טעמע רחל געקויפט פאַר איר מאַן אַ פּאָר נייע קוליעס, אים אָנגעטון און אין אַלטער וואַטעווער קאַפּאָטע, אַרומגעוויקלט דעם שמוציק-האָריקן האַלז מיט אַ רויטער פאַטשיילע, פאַרשטיפט די אויערן מיט וואַטע און אים אַוועקגעזעצט אויף אַ פריער צוגעגרייטער שוועל, וואו ער זאָל זיצן און קלויבן נדבות. לייבוש בער האָט נישט געזאָגט „ניין". איינגאַנצן אַן אַנדער מענטש, אַ טויט - שוטהוואַטע שמייכל אויפן פאַ־קר. מטן מויל, מיט אַ שטייף-קרומער, אויסגעשטרעקטער האַנט — איז ער געזעסן דאָ פון דער פרי, ביז באַנאַכט, הנאה געהאַט, וואָס די גראָשנס ווערן מער אין טאָרבעלע אויפן האַרץ. טעמע רחל האָט אים געברענגט עסן אין אַן אייזערן טעפּל, ברייטלעך - פייערלעך זיך איינגעקוקט אין דורכגייענדיקן עולם, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַר זיי באַרימען מיט דער מצוה, וואָס זי טוט, און זיי צוגעגעבן חשק, אַז זיי זאָלן געבן אַ נדבה.

— גיט עפּעס, ליבע מענטשן... אַ לאָמע קאַליקע נעבעך... באַלאַמוטשעט נישט!...

# טעאַטער

## פערטע „אזאזעל"-פּראגראם

„אַזאַזעל" קאָן נאָך אַלץ צו זיך נישט קומען. נאָך דער אינטענסיווע, אייגנאַרטיקער און סטילפולער אַרבעט אין אָנהויב פון זיין אויפקומען דעם פאָריקן יאָר אין וואַרשע, נאָך זיין קינסטלערישער אָנשטרענגונג אין די ערשטע צוויי פּראָגראַמען אַרויסצושלאָגן פון זיך סטיל, פאָרם און כאַראַקטער – איז אַוועק ביי אים די סדרה „ואתחנן"-נישט נאָר פון אַרומוואָגלען פון אָרט צו אָרט, פון שטאָט צו שטאָט, נאָר אויך אין זיין אינעווייניקסטן לעבן גופא-פון מענטש צו מענטש, פון אַקטיאָר צו אַקטיאָר, און ממילא האָט זיך עס אָפּגערופן אויף זיין איינהייטלעכן כאַראַקטער, אויף זיין עצם געשטאַלט.

„אַזאַזעל" איז געווען און באַדאַרפט אַזוי פאַרבלייבן: אַ פאַרריגלט, פאַרשלאָסן קלייזל-קרייזל, וווּ עטלעכע „חברה-לייט" וואָלטן באַדאַרפט עקשנותדיק גיין זייער וועג, אין דער איינריכטונג פון זיין באַשאַפער אָדער זיינע באַשעפער. און אַ געבאָט האָט באַדאַרפט זיין אין בלייבן: „וכל הזר הקרוב מות יומת!" און אין דעם האָט „אַזאַזעל" זיך אָפּגעשיידט פון „סמבטיון", ווו עס איז אַ פשוטע אָפענע זאַך, אָן איבעריקע שהיות און אָן איבעריקע כוונות. אַן אָפענע בינע-אַכסאַניאָלע פאַר „כל דצריך". „אַזאַזעל" האָט לכתחילה געהאַט די מעגלעכקייטן און אויך כוונות, ס׳זאָל פון אים אויסוואַקסן עפּעס נייס, אַ יונגאַרטיקס, אַ אָריגינעל-יידיש באַשאַפעניש, און נישט יידישלעכעס (ווי סמבטיון), ווי בשעתּו דער „קרומער שפּיגל", „פּלעדערמויז", „בלויער פויגל" האָבן זיך אויסגעטיילט אין רוסלאַנד פון די אַלע איבעריקע צענדליקער סתם-מיניאַטורן מיטן באַוווּסטן „כל-בו"-אינהאַלט און „תיקון-שבועות"-כאַראַקטער, וואָס

פון „אַזאַזעל" אין אָנהויב פון זיין אויפקומען איז געווען דער לייכטסטער, ווייל זיין אייגענער. ס׳איז געווען דער ווילן אָנצושלאָגן אין העכערע היכלות. האָבן מיר דאָן דאָרט געטראָפן אי פּרצן, אי שלום-עליכמען, און אַ שטיקל אַנסקי און הירשביין און אויך בראָדערזאָן, טונקעל און ניימאַן. און ס׳איז געווען דאָס פאַרמעסטן זיך פונם שרייבער, קינסטלער, מוזיקער, רעזשיסער און אַקטיאָר. זייערע פאַרשידענע וועגן האָבן זיך געקרייצט, ס׳איז געווען צייטנווייז סינטעז: קורץ און טרעפנד אויפגעפאַסט, שאַרף און בולט געטאָקט. ס׳איז געווען אַ פאַרייניקונג פון יידישן פרימיטיוון לידל מיט מאָדערנער פאָרם, פאָלקסטימלעכקייט (אָדער ווי דער אַרטיסט שריפטזעצער זאָגט פאָלקסתהלימלעך) מיט פיינסטער ניואַנסירונג.

אין דעם פערטן פּראָגראַם איז נאָר דאָ אַ זכר פון דעם אַלעמען. מ׳איז אַראָפּ פון וועג, פונם אייגענעם וועג און זיך געלאָזט מיטן שטראָם. אויסער איין בראָדערזאָן ווו ס׳איז דאָ מער שפּיל פון ווערטער ווי ווערטער (די ווערטער גופא דערגייען אינגאַנצן נישט צום אויער), האָבן מיר אַנאָנימען (אָדער כמו-אַנאָנימען): האָט, גאָלד, הילער, בראַנאַוו, פינקערט וכו׳. און די שליטה פון קינסטלער, מוזיקער און רעזשיסער, וועלכע איז פריער געווען אַזוי שטאַרק, איז איצט אויך ווייניקער; יעדנפאַלס נישטאָ די איין און איינציקע שליטה

פאַרלאַג ב. קלעצקין
א. ליטוואַק
וואָס געווען